בס"ד

שנה ג'
נומער ק"ה
**פרשת ויגש**
תשפ"ב

# קרית ברסלב
## בלעטל

פרייז:
**אמעריקע:** $3
**א"י:** 9 ש"ח




# עשרה בטבת

זמנא דהילולא קדישא פון
**רבי נתן זי"ע**



מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון רבי נתן זי"ע



דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון רבי נתן זי"ע

**נייעס • א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א • קינדער אפטיילונג**

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
אברהם הערש וועבערמאן
אברהם יצחק אייזנער
יחזקאל שרגא שארף

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:
845.379.1169
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוו צו די רעדאקציע

## די דעקל פונעם בלעטל

עס איז גאר א הערליכע אויסגאבע, איך בין זיך מחיה דערמיט יעדן אייניציגן וואך.

צוויי זאכן וואס איך וואלט געוואלט זאגן, איינס; אויב מען קען טוישן די בילד פונעם אינגל וואס מען האט געלייגט ביי די "קינדער אפטיילונג", מען דארף טרעפן עפעס א שענערע בילד צו לייגן דארט.

צווייטנס; די דעקל צייגט נישט ווי א אהערגעשטעלטע אויסגאבע, עס לוינט זיך צו טוישן און עס אהערשטעלן אויף א שענערע פארנעם, אויב איר ווילט קען איך זיין דער וואס מאכט אייך די גרעפיק'ס, איר קענט זיך פארבינדן מיט מיר.

א שטענדיגע ליינער

רעדאקציע: ברוך השם די וואך קענט איר שוין זעהן דעם נייעם דעקל וואס מען האט אהערגעשטעלט, נאכן ארבעטן אויף דעם א שטיק צייט.
די בילד ביי די קינדער אפטיילונג איז מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אלץ קינד.

## בילדער ארכיוון

א גוטן טאג מערכת קרית ברסלב בלעטל.
איך וואלט זיך געוואלט באדאנקען פאר אייער ארבעט וואס איר טוט יעדע וואך, מיטן אהערשטעלן אזא הערליכן אויסגאבע, מיט אזויפיל יראת שמים.

איך האב גאר שטארק הנאה פון אלעס אינעם בלעטל, אבער ספעציעל האב איך הנאה צו זעהן די בילדער ארכיוון, ווען איר לייגט אריין בילדער פון מוהרא"ש זי"ע, דאס ברענגט מיר צוריק צו די צייטן וואס איך בין געווען ביי מוהרא"ש און געהערט די שיעורים יעדע וואך.

עס וועקט אן מיר אויף פריש צו וועלן גיין אין די וועגן פון מוהרא"ש, עס ברענגט מיר צוריק גאר גוטע זכרונות.

גייטס אן מיט אייער הייליגע ארבעט, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעם גוטס.

ג. י. בארא פארק

## זמנים Liberty

פרשת ויגש ז' טבת תשפ"ב

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 04:09 |
| מוצאי שבת | 05:40 |
| מנחה מעריב ויחי | 05:25 |

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**יודל טירנויער הי"ו**
**וזוגתו ברײנדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער און אייניקלעך אויפן הייליגן רבינ'ס וועג, און זעהן ביי זיי אסאך אידיש נחת.




HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING



• Luxury all inclusive Auto Broker
• Prices reduced below dealer invoiced rates
• Free expedited pickup and delivery nationwide
• Specializing in hard-to-locate cars
• Lowest rate insurance services included
• Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

UPSCALE LAYETTE AT WHOLESALE PRICES

# SECRET TO THE WELL DRESSED BABY

**bambolìna**

*Baby Boutique*

clothing | outerwear | blankets | jewelry | accessories | baby essentials | gifts

78 Denman Rd • Liberty, NY 12754 • 917 538 2832
open all year 'round • phone orders welcome

DYNAGRAFIK 845 352 1266

# שטעטל נייעס

## שיינעם יום טוב חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א



גאר א שיינער יום טוב חנוכה איז אריבער אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, און אזוי אויך מיט די חשוב'ע בחורי ישיבה וואס זענען מיטגעקומען מיטהאלטן חנוכה אין שטעטל.

מיטוואך מקץ - די פערטע נאכט חנוכה איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעקומען אין שטעטל, דאנערשטאג זענען געקומען די בחורים. די תלמידי הישיבה האבן געהאט די זכיה מיטצוהאלטן די ליכט צינדן פונעם ראש ישיבה דאנערשטאג נאכט. נאך ליכט צינדן האט דער ראש ישיבה געגעסן א סעודת חנוכה מיט די בחורים, און זיי פארציילט גאר שיינע זאכן פון וואס זיי האבן זיך באלעקט מיט יעדן ווארט. ניין אזייגער ביינאכט האט דער ראש ישיבה געגעבן דעם וועכנטליכן ליל שישי שיעור, וואו דער ראש ישיבה האט גאר שיין גערעדט וואס חנוכה מיינט פאר אונז אויף לעובדה ולמעשה (מען קען הערן דעם שיעור אויף קול ברסלב 212-444-9191).

פרייטאג אינדערפרי האט מען געדאווענט אינאיינעם און דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא געפלאכטן מיט גאר שיינע התחזקות ארויסגענומען פונעם דף. פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אין בית המדרש עצתו אמונה צוזאמען מיט אלע בחורים. נאכן דאווענען האט מען צוריק שפאצירט צום בית המדרש אויף האשקי, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכע סעודה, די בחורים האבן געהאט א זעלטענע זכיה צו עסן 'א סעודה מיט'ן ראש ישיבה'. שפעטער צום באטע זענען שוין געקומען אנשי שלומינו פון אלע עקן שטעטל, ווי מען האט געזינגען זמירות אינאיינעם און דערנאך האט מען געהערט דברי תורה פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף די וואכעדיגע סדרה, וואו מען זעהט אז יוסף האט זיך פארלאזט אויף א בשר ודם, און וועגן דעם האט ער געדארפט זיצן אין תפיסה נאך צוויי יאר.

שבת אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט פון א רב וואס איז געווען אין עולם התהו פאר גאנצע אכט און צוואנציג יאר רחמנא לצלן, און דער רבי האט אויסגעפירט: ווער עס וועט זיין ביי מיר שבת חנוכה, שבועות און ראש השנה וועט ווערן ניצול פון עולם התהו.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, הלל איז געווען מיט א מורא'דיגע התעוררות און געשמאק, אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי שלש סעודות, אז די דאווענען איז פשוט א געשמאק, עס איז נישט עפעס רוחניות - א הויכע ווייטע זאך, ניין! עס איז פשוט א געשמאק צו זינגען הלל, א נקדישך, כתר און אזוי ווייטער. ביים קידוש נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארום גערעדט פון זיך האלטן ביים צדיק, וואס דארט וועסטו האבן אלעס גוטס. נאכ'ן עסן די סעודה מיט די בחורים האט מען זיך ארויס געלאזט אויף א שפאציר, מען איז אריין אין שטוב פונעם מנהל הר"ר אברהם משה שטראססער שליט"א, שפעטער האט מען זיך אפגעשטעלט ביי ר' מנחם שטיינבערג הי"ו אינדערהיים ווי זיי האבן פארציילט שיינע זאכן פון ישיבה און פון שטעטל.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט חנוכה פון א אורח מיט א בעל הבית, די תמצית הדברים פונעם מעשה איז אז ווען מען איז מקורב צו א צדיק קען מען זיין סיי אויף דער וועלט אבער אויך זיין צוגעקלעבט שטענדיג צום אייבערשטן - עס איז בכלל נישט קיין סתירה.

מוצאי שבת איז געווען די הויכפונקט, ווען מען איז זיך צאמגעקומען צו סעודת מלוה מלכה אינעם בנין התלמוד תורה, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכע סעודה. דער יושב ראש ר' אברהם הערש וועבערמאן הי"ו האט אויסגערופן זיין עלטערער ברודער הר"ר אהרן נ"י צו רעדן אפאר ווערטער, און ר' אהרן האט נישט אנטוישט, ער האט גערעדט פון די שיינע קהילה וואס מיר האבן ברוך השם, און אז יעדער אינגערמאן וואס איז דא קען עפעס טוהן צוריק צו ברענגן נאך מענטשן צום אייבערשטן. שפעטער האט מען אויסגערופן דעם אדמיניסטראטאר פון די מוסדות הר"ר רפאל פורסט הי"וצו רעדן אפאר ווערטער, וואו ער האט פארציילט וואס טוט זיך אינטער די קוליסן אינעם מוסד.

ביים סוף האט מען געהערט פייערדיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון זיך אפגעבן מיט די קינדער, וואס דאס איז די וויכטיגסטע זאך מער פון סיי וואס, און גאר שטארק געבעטן פון אלע עלטערן מען זאל נישט אריין ברענגן קיין שום זאך וואס מען קען האבן צוטריט צו די אינטערנעט אינדערהיים, ווייל דאס שאדט גאר שטארק פאר די קינדער (הערט דעם גאנצן שיעור אויף, קול ברסלב).

דער יום טוב וועט זיכער נישט פארגעסן ווערן פאר א לאנגע צייט, די אלע דרשות התחזקות וועט אונז אלע באגלייטן פאר די לאנגע קאלטע ווינטער חדשים וואס קומען צו גיין.

## היכל הקודש בני ברק ברייטערט זיך אויס אויף א שיינעם פארנעם



פארגאנגען ליל שישי, איז אפגעהאלט געווארן א געהויבענעם מעמד "פתיחת מרכז הפצה" אויף רחוב אברבנאל אין קרית הערצאג אין בני ברק, ווי אסאך מפיצים זענען געקומען זיך באטייליגן צום באנייאונג פונעם נייעם מרכז הפצה וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אריינברענגען א ליכטיגקייט אין גאנץ בני ברק.

אינעם מרכז הפצה איז דא צו באקומען אלע ספרים פון הייליגן רבין, און זיינע תלמידים, קמיעות, סידיס, יו-עס-בי'ס און די קארטלעך מיט שיעורים, הפצה קארטלעך, ספרים, קונטרסים, גליונות און נאך. אזוי אויך וועלן די מפיצים פון בני ברק שוין האבן א לאקאלע הפצה צענטער פאר אלע זייערע הפצה געברויכן, און מער נישט דארפן ברענגען פון דערווייטענס די ספרים, גליונות און סידיס, וואס דאס פארשווערט די הפצה פאר אנשי שלומינו אין בני ברק, אבער יעצט מיט'ן נייעם צענטער, וועט דאס זיין גאר א שטארקע הילף פאר די מפיצים אין בני ברק.

אין אנדערע נייעס הערט מען, אז נאך מער פון איינס און א האלב יאר זינט דער עפענונג פונעם וועכענטליכן חבורה, האט די חבורה פון בני ברק זוכה געווען צו באקומען מיטוואך פרשת וישלח א שמועס פונעם ראש ישיבה, דורך א טעלעפאן הוק אפ.

צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט פאר אנשי שלומינו אין בני ברק "ס'איז צייט צו עפענען א בית המדרש היכל הקודש אין בני ברק". איינע פון אנוועזענדע פון אנשי שלומינו, האט תיכף וואלונטירט אוועקצוגעבן זיין שטוב מען זאל עס קענען נוצן פאר די תפילות ליל שבת קודש און שלש סעודות.

און טאקע פארגאנגענע שבת קודש זענען אנשי שלומינו געקומען צום פרישן בית המדרש היכל הקודש בני ברק צו מנחה ערב שבת קודש, ווי מען האט געדאווענט א געשמאקע דאווענען, מנחה, קבלת שבת און מעריב. נאכן דאווענען האט מען זיך ארויסגעלאזט און א פייערדיגע טאנץ, און מען איז זיך צוגאנגען יעדער צו זיך אהיים, מיט גרויס שמחה. אזוי אויך שבת קודש נאכמיטאג איז מען זיך ווידער צוזאם געקומען, ווי מען האט אפגעראכטן א שיינעם שלש סעודות אינאיינעם מיט אנשי שלומינו, מען האט געזונגען אינאיינעם זמירות בשבת אחים, און זיך געפריידט אז אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו.

## חבורת היכל הקודש בית שמש פארגעסערט



גאר א שיין ווינקל פון היכל הקודש אינגעלייט געפונט זיך אין שטאט בית שמש, יעדע וואך ליל ששי קומט מען זיך צאם, און מען הערט אויס דעם שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס ווערט איבערגעגעבן יעדע וואך ספעציעל פאר אינגעלייט.

דערנאך דאווענט מען צוזאמען א געשמאקן מעריב, אויך ווערט צוגעשטעלט אביסל טועם צו זיין אויפ'ן פלאץ.

די חבורה איז געווארן געגרונדעט פאר בערך א האלב יאר צוריק, ווען א חשובער אינגערמאן האט אריינגעקלאפט ביים איינעם אינדערהיים, און געגעבן פאר יענעם א קונטרס, און דער אינגערמאן רופט זיך אן מיט התרגשות: "איך הער שוין אויס די שיעורים און איך לערן די קונטרסים פאר א שטיק צייט, און בזכות דעם לערן איך יעדן טאג פרקים משניות און מיין גאנצע לעבן האט זיך געטוישט", פארציילט ער ווייטער: איך האב גאר שטארק געוואלט מאכן א חבורה, וואו מען קומט זיך צאם און מען הערט צוזאמען די שיעור פונעם ראש ישיבה, אבער איך האב נישט געוויסט צו וועמען זיך צו ווענדן וועגן דעם, יעצט אז דו ביזט דא געקומען בעט איך דיר זאלסט מיר העלפן דאס זאל צושטאנד קומען".

גלייך נאכדעם האט מען ברוך השם אהערגעשטעלט א שיינעם פלאץ, און די חבורה ווערט יעדע וואך גרעסער און גרעסער.



# מעשיות פון תפילה

## עזרא בוים - קרית ברסלב:

א) די טערמוסטאט פאר די הייצונג ביי מיר אינדערהיים האט זיך צובראכן. איך קען מיך נישט אויס וואו און וואס צו קויפן, האב איך געפרעגט נחום ברילל וואס ארבעט מיט די זאכן, האט ער מיך געזאגט אז אין האום דיפאו קען מען עס קויפן.

איך בין געגאנגען אין האום דיפאו און איך זיך ארום א טערמוסטאט אבער ס'איז געווען דארט פון אלע מינים פאר ביליג און טייער, איך האב נישט געוויסט וועלכע צו נעמען, איך האב נישט געוואלט רופן נחום פרעגן ווייל איך האב אים נישט געוואלט שטערן אינמיטן די ארבעט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל וויסן וואס צו קויפן.

ווי נאר איך ענדיג די תפילה זע איך נחום שטייט אין פארנט פון מיך! ער האט מיר געוויזן וועלכע צו קויפן, שכח אייבערשטער פארן מיך העלפן שטענדיג.

ב) איין ערב שבת האב איך געקויפט עפעס אנליי"ן, אביסל שפעטער האב איך מיך געכאפט אז איך האב נישט געדארפט די זאך, אבער ס'איז שוין געווען נאנט צום זמן האב איך שוין נישט געהאט קיין צייט צו קענסלע"ן די ארדער, וואס מיינט אין אנדערע ווערטער אז ווען די זאך גייט אנקומען גיי איך עס דארפן צוריקשיקן און דאס וועט מיר קאסטן אפאר דאלער וואס איך זיך נישט סתם צו אויסגעבן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל מיך נישט קאסטן קיין געלט.

למעשה איז געקומען די טאג וואס ס'האט געדארפט אנקומען און איך האב באקומען א מעסעדש פון פעדעקס אז דאס פעקל איז טאקע אנגעקומען, איך גיי אהיים און איך זיך אהער און אהין אבער דער פעקל איז נישט דא, איך רוף אן די קאמפאני וואו איך האב עס געקויפט און איך פארצייל זיי אז פעדעקס זאגט אז די ארדער איז אנגעקומען אבער איך האב עס נישט באקומען, זאגן זיי מיר "נישט קיין פראבלעם, מען וועט קרעדיטן דיין אקאונט פאר וויפיל די זאך האט געקאסט. שכח אייבערשטער אז איך האב נישט געדארפט צאלן איבריגע געלט.

## אברהמי לעסער - קרית ברסלב:

א) איך האב א אייפאד וואס דארף האבן א ספעציעלע ווייער עס צו טשארדשן. איין טאג האב איך עס פארלוירן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס שנעל טרעפן. אפאר טעג שפעטער זאגט מיך מיין מאמע אז זי האט געזען עפעס אן אינטערעסאנטע ווייער אויב איך ווייס וואס ס'איז. שכח אייבערשטער אז ס'איז געווען טאקע די טשארדשער וואס איך האב געדארפט.

ב) איין טאג בין איך געגאנגען מיט די חדר שווימען צו עפעס א קעמפ, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן שווים גלעזער צו קענען גוט שווימען, שכח אייבערשטער אז איינע פון די אינגלעך האבן געהאט מיין שווים גלעזער וואס ער האט געבארגט פון מיר נאך אין די זוממער.

## אייזיק ראטה - קרית ברסלב:

די חנוכה מסיבות האבן זיך אנגעהויבן. איך בין אריינגעפארן מוצאי שבת אין שטאט צו א משפחה חנוכה מסיבה, ביים אהיים פארן איז שוין געווען גוט שפעט און איך בין געווען נישט ווייניג מיד, האב איך געבעטן דעם אייבערטן אז איך זאל קענען דרייוון און נישט זיין מיד. אזוי בין איך ארויסגעפארן ווען איך מאך זיכער צו האלטן מיינע אויגן אפן, און איך האף צום אייבערשטן אז איך זאל נישט אימוועלנדיג כאפן א דרימל אינמיטן פארן.

ס'איז געווען נישט קיין גרינגע וועטער אינדרויסן, ס'האט געשנייט אביסל, און איך האב היבש אינטערגעשאצט די וועטער און געפארן אביסל שנעלער ווי איך וואלט געדארפט, מיטאמאל האט די קאר געגעבן א שטארקן גליטש, און איך מיט מיין ווייב האבן געשריגן פון טיפן הארץ צום באשעפער אז גארנישט זאל געשען.

שכח אייבערשטער אז ס'איז טאקע גארנישט געשען און איך האב ווייטער געקענט פארן און פון דעמאלט בין איך שוין געווען פריש ווי קיינמאל פריער, מיינע אויגן האבן זיך געהאלטן אפן ממש א מחיה. שכח אייבערשטער פאר די גרויסע נס.

## מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב:

איין טאג באמערק איך אז די וואסער פון מיין הויז האבן א ברוינע קאליר ס'איז געווען זייער נישט באַ'טעמ'ט, האב איך זיך געמאכט א חשבון הנפש וואס דער אייבערשטער וויל מיר ווייזן מיט די נגע, און איך האב מיך דערמאנט וואס דער ראש ישיבה זאגט אייביג אז מ'דארף אויך דאנקען דעם אייבערשטן.

האב איך אנגעהויבן דאנקען פאר די פרישע וואסער וואס אונז האבן אלעמאל און אויף אלע אנדערע גוטע זאכן. שכח אייבערשטער אז נאך א טאג צוויי איז די וואסער שוין געווען קלאר און פריש אזוי ווי אמאל.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פֿונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן נַאכְט זֶענֶען מִיר זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אִין מָאנְסִי פְּרַאוֶוען **דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**, מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר וְוִי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער: **"אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וְוִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער חָבֵר"**; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוָואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוָואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, מֶען זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוָואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וְוִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער חָבֵר' הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז **אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער**, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אַז עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט עֶר דָאס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם אִין "גַן עֵדֶן", אַזַא מֶענְטְשׁ **לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים**, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵויסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן **דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינ'ס סְפָרִים**; מֶען פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי רֶבִּי נָתָנ'ס יָארְצַייט פַאר הַדְפָּסָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען יֶעצְט צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אִיךְ הָאבּ נָארְוָואס גֶעהָאלְפְן דְרוּקְן חֵלֶק קע"ה אוּן קע"ו, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט גֶעלְט פַאר נָאךְ צְוֵויי בֶּענְדֶער חֵלֶק קע"ז אוּן קע"ח; אַז דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.**

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִיר זָאלְן **לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט** אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְנוּמֶען; אֲפִילוּ מֶען הָאט אַלֶע תֵּירוּצִים אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּה.

**אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג**; קוּק וְוִי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל בַּיי: "**חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק**"; אַז מֶען פָאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - מֶען נֶעמְט אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן עֶנְדִיגְט מֶען אַ גַאנְצֶע סֵדֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר נֶעם אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - **אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאט מֶען הַצְלָחָה**".

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין צַייט, אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל אִם יִרְצֶה ה'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פֿון דער ראש ישיבה שליט"א



## וואס מיינט א רבי?

א מענטש מוז האבן א רבי וועמען ער פרעגט זיינע ספיקות און זיינע שאלות, אפילו עס איז אומבאקוועם, און מען ווייסט אז עס קען זיין אז דער רבי וועט אנשרייען און מבזה זיין: "דאס פרעגסטו?! דו ווייסט נישט מען טאר דאס נישט טון"?! וכו' וכו', ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סו): "**מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת**", ווער עס האלט זיך קליין פאר זיין רבי, און ער פרעגט זיין רבי אלע זיינע ספיקות, "**אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ**", אפילו זיין רבי פארשעמט אים, דאך פרעגט ער אים נאך אלץ זיינע שאלות און זיינע ספיקות, "**עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ**", וועט ער זוכה זיין צו קינדער וואס וועלען זיין זייער גרויס, נאך גרעסער פון זיין רבי.

חז"ל דערציילן (ברכות ד): אז דוד המלך פלעגט פרעגן זיין רבי 'מפיבשת' אלע זיינע שאלות. ער פלעגט אים פרעגן: "**מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי? וְלֹא בּוֹשְׁתִּי**", ער האט זיך נישט געשעמט, האט ער זוכה געווען צו א קינד וואס איז געווען גרעסער פון מפיבשת - מען האט אים גערופן כלאב, דאס איז א לשון פון פארשעמען, ער איז געווען אזוי גרויס אז דוד המלך'ס רבי מפיבשת איז פארשעמט געווארן פון זיין גרויסקייט.

א מענטש דארף וויסן: "**אליינס בלאנדשעט מען**", מען קען נישט גיין אליינס. מען דארף פרעגן פון אן ערליכער איד פאר יעדע טריט אין לעבן, סיי בגשמיות, און סיי ברחניות; אז נישט, קען מען זייער פארפירט ווערן.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "איידער מען גייט טון א שידוך, דארף מען דאס ערשטע זאך קוקן אויב דער בחור האט איינעם וועם ער פרעגט זיינע שאלות און ספיקות, א מענטש וואס גייט אליינס, ער האט נישט א רבי וועם ער פרעגט אלע זיינע ספיקות איז א הפקר-יונג, אפילו ער גייט אנגעטון חסיד'יש און ער זעט אויס ווי אן ערליכער בחור".

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל




## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה; הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ פַאר דִי רֶענְט פוּן יְשִׁיבָה הוּנְדֶערְט דָאלֶער; בִּזְכוּת דִי צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן (תְּהִלִּים קכח, ג): **״אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״.**

אוֹיף דִי פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער לָאזְן דַיין אַרְבֶּעט וְכוּ׳; בִּיז דֶערְוַוייל בְּלַייבּ אַרְבֶּעטְן וואוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אַז דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיט וְכוּ׳ וָואס דָאס אִיז יִחוּד, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דָארְט וִוי מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אַ שְׂרֵפָה.

זַיי מַמְשִׁיךְ בַּעֲבוֹדָתְךָ הַקְדוֹשָׁה מִיט הַדְפָּסָה; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת: **״נוּ, אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר, אַזוֹי פִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג״**, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: **״אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין ׳יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה׳; אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט ׳גֶעלְט׳ מִיט ׳רָצוֹן׳ אוּן מִיט ׳טִירְחָא׳״** (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן עֶשְׂרֵה בְּטֵבֵת; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר).

דָאס דַארְפְן מִיר טוּן: עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מִיר דַארְפְן זַיין שְׁטַארְק מִיט ׳גֶעלְט׳ מִיט ׳רָצוֹן׳ אוּן מִיט ׳טִירְחָא׳; אַז אֵיינֶער קֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן - זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אַז אֵיינֶער קֶען קוּמֶען הֶעלְפְן דְרוּקְן - זָאל עֶר קוּמֶען דְרוּקְן, אֵיינֶער קֶען גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער מִיט דִי סְפָרִים וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל צוּ לֵייגְן אַ הַאנְט צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**



## א מעשה פון הפצה

א מפיץ א עקשן:

א מפיץ האט זיך איינגעפאקט א פעקל ספרים און גייט ארויס הפצה, און ער בעהט דעם אייבערשטן אז יעדע ספר פונעם זעקל זאל היינט אנקומען צו די ריכטיגע אדרעסן.

ער הייבט אן מפיץ זיין איינס נאכן צווייטן, מענטשן נעמען גאר שיין, ביים סוף דערזעהט ער זיך מיט איין קונטרס אויף חינוך אינעם טאשקע, ער זוכט וועם ער קען געבן דעם לעצט איבערגעבליבענעם קונטרס אבער טרעפט נישט.

מיטאמאל טרעפט ער א צובראכענער בחור וואס זעהט שוין ליידער נישט אויס ווי א איד דארף אויסקוקן, דער מפיץ ישוב׳ט זיך אויב ער זאל אים געבן דעם קונטרס פון חינוך; ער גייט צו און פרעגט דעם בחור אויב ער האט עפעס צדקה, זאגט ער: איך קען געבן צדקה, אבער דער ברסלב׳ער ספר האלט ביי דיר. זאגט אים דער מפיץ אז דער ספר רעדט זיך פון חינוך; זאגט דער בחור: אה חינוך דארף איך יא.

די מעשה ענדיגט זיך נישט דא. ראש השנה אין אומאן טרעפט דער מפיץ דעם בחור, און דער בחור פארציילט אים: ״איך האב דעמאלטס געלערנט אין א קלאס וואס מען האט שטודירט ׳חינוך״, ווען דו ביזט געקומען מיט דעם קונטרס האב איך מיר זייער געפריידט מיט דעם קונטרס, ווייל איך האב געוואלט זעהן וואס עס שטייט דארט וועגן חינוך, וואס דאס איז יעצט די זאך וואס איך שטודיר. נאכן ליינען דעם קונטרס האט עס מיר אויפגעוועקט פון שלאף אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און אים דארף מען דינען, און דער קונטרס האט מיר צוביסליך צוריק געברענגט צום אייבערשטן. היינט בין איך שוין חתונה געהאט און איך האב שוין ברוך השם א קינד.

דאס איז ממש וואס מוהרא״ש פלעגט זאגן אז יעדע קונטרס האט א אדרעס צו וועמען עס דארף אנקומען.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## פרישע נייעס פונעם נייעם בנין

גאר פריילעכע נייעס הערט מען פון קרן הדפסה היכל הקודש אז מען האט שוין געשאפט קרוב צו דריי הונדערט טויזענט דאלער פאר'ן נייעם בנין וואס מען איז יעצט אין קאנטראקט אין קרית ברסלב ליבערטי.

מען דארף שאפן נאך בערך דריי הונדערט און צוואנציג טויזענט דאלער, צו קענען ענדיגן דעם מקח ווי אמשנעלסטן, מיר האפן אז יעצט אין אזא צייט ווען מען שטייט ביים יארצייט פון הייליג'ן רבי נתן זכותו יגן עלינו, וועלן אנשי שלומינו זיך אנרופן ווארים, און נעמען א חלק אינעם איינמאליגן זכות, וואס דאס מאכט זיך נישט יעדן טאג.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט שטענדיג ביים יארצייט פון רבי נתן מעורר זיין אנשי שלומינו מען זאל אנטייל נעמען אין דעם גרויס'ן זכות פון דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און זיינע תלמידים איוף די גאנצע וועלט, לאמיר אויך יעצט טוהן די זעלבע, און זיך משתתף זיין מיט א זכות אינעם נייעם הערליכ'ן בנין וואס ווערט יעצט אפגעקויפט.

אייער עובדא זאל זיין יפוצו מעיינותיך חוצה.

# בילדער פון קרן הדפסה


ספרים אנגעקומען פון ארץ ישראל


מען דרוקט עצתו אמונה אין ענגליש


נייע הפצה סענטער אין בני ברק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **העניך אינדיג**<br>קרית ברסלב | **אברהם יצחק אייזנער**<br>וויליאמסבורג | **אשר לעווי**<br>דזערזי סיטי |
| **יחזקאל שרגא קרויס**<br>בארא פארק | **לוי יצחק זאפיר**<br>בארא פארק | **לייבי ראטה**<br>קרית ברסלב |
| **יחזקאל טויסיג**<br>לעיקוואד | **ישראל אשר ווייס**<br>קרית יואל | **יוסף פעלדמאן**<br>מאנסי |
| **שאול יצחק גאנץ**<br>מאנסי | **זושא גרין**<br>בארא פארק | **שמוליק בלעדי**<br>בארא פארק |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370

# א מעשה
## פון א צדיק



### מעשה פון הייליגער צאנזער רב זי"ע

דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב [הַמִּנְחַת אֶלְעָזָר] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז זַיין זֵיידֶע הָרַב הַקָּדוֹשׁ 'בַּעַל שֵׁם שְׁלֹמֹה' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן רֶבִּי מֹשֶׁה יְהוּדָה לַייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סְטְרִיזְשׁוּב, וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן גָארְלִיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּיי זַיין חֲתוּנָה וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דִי חוּפָּה, זֶעהְט מֶען אַז דֶער גְרוֹיסֶער זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִישְׁט דָא, עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ שָׁעָה, אוּן עֶר קוּמְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁטוּבּ וואוּ עֶר אִיז גֶעזִיצְן פַארְשְׁפַּארְט.

בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דוּרְךְ נָאךְ אַ שָׁעָה, זֶענֶען דִי קִינְדֶער [דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב אוּן דֶער הֵיילִיגֶער גָארְלִיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ] צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מְחוּתָּן אוּן אִים גֶעזָאגְט: הֶערְט אוֹיס! מִיר זֶענֶען קִינְדֶער אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם טַאטֶען, דֶערְפַאר זָאלְט אִיר אַרַיינְגֵיין צוּם טַאטֶען וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִן הַסְתָּם פַארְלֶערְנְט, אוּן אִים דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא הַיינְט אַ חֲתוּנָה.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהְן, עֶר גֵייט אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב אִין צִימֶער, זֶעהְט עֶר וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאק צוּ דִי שַׁיין פוּן דִי לֶעכְט, נֶעמְט עֶר זַיין שְׁטְרַיימֶעל אוּן פַארְדֶעקְט דֶערְמִיט דִי לֶעכְט, מְמֵילָא אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקֶל, הֵייבְּט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן בַּאמֶערְקְט אִים, פְרֶעגְט עֶר אִים: וֶוער זֶענְט אִיר? אוּן וָואס טוּט אִיר דָא? עֶנְטְפֶערְט עֶר: מְחוּתָּן! מֶען וַוארְט אוֹיף אַייךְ אִינְדְרוֹיסְן צוּ גֵיין צוּ דִי חוּפָּה. פְרֶעגְט עֶר אִים: פוּן וָואסְפַארַא חוּפָּה רֶעדְט אִיר?! זָאגְט עֶר: מִיר הָאבְּן זִיךְ דָאךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען. זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: **עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי זִיס צוּ לֶערְנֶען**, אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג שְׁטֶערְט מֶען מִיר, יֶעצְט וִויבַּאלְד עֶס אִיז שְׁטִיל אוּן קֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט אִיז דִי בֶּעסְטֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען 'מִלְחֲמוֹת' מִיטְן 'בַּעַל הַמָּאוֹר', אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט זֶעצְט אַייךְ אוֹיךְ אַוֶועק, וֶועט אִיר דָאס מִיט מִיר אִינְאֵיינֶעם לֶערְנֶען.

עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִינְאֵיינֶעם פַארְלֶערְנְט, אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט צוּ לֶערְנֶען, רוּפְט זִיךְ דֶער צַאנְזֶער רָב אָן: יֶעצְט קֶען מֶען גֵיין צוּם חוּפָּה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט חֲבִיבוּת הַתּוֹרָה, לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה.

אוּן צוּ דֶעם קֶען בֶּאֱמֶת יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין, אוֹיבּ עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר לֶערְנְט אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז אַפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נָאר זָאגְן וַוייטֶער אִין אַ סֵדֶר (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וָואס דוּרְכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגְן תַּעֲנוּג פוּנֶעם לֶערְנֶען, עֶס צִיהְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט זַאט, נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן מֶען פַאנְגְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל אָן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט גְמָרָא אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאכְדֶעם הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען הֵייבְּט אוֹיךְ אָן לֶערְנֶען זוֹהַר מִיט תִּיקוּנִים.

(גענומען פון קונטרס "דער באשעפער דארף דיך יא")



# דעם רבי'נ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 13

פארזעצונג פון פריער:

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן גֶעמַאכְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן גָאר אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט יֶעדֶעס מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דָארְט גֶעטוּן אַסַאךְ קִינְדֶערִישֶׁע אוּן נַארִישֶׁע זַאכְן.

...

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, אַז דִי קַטְנוּת אוּן בִּזְיוֹנוֹת וֶועט אִים זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה בַּיים גֵיין אוּן קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר זֶעט אַז סְ'דַארְף קוּמֶען אוֹיף אִים גָאר שְׁוֶועהֶע אוּן גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוֹיף דִי וֶועגְן, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר דוּרְךְ דִי קַטְנוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען נִישְׁט דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן קַטְנוּת, וֶועט עֶר בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט קֶענֶען זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מוּזְן שְׁטַארְבְּן דָארְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן נָאר דִי קַטְנוּת אוּן בִּזְיוֹנוֹת רַאטֶעוֶוען אִים. וַוייל פַאר מְ'קוּמְט אָן צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, דַארְף מֶען קוֹדֶם פַאלְן גָאר נִידְרִיג, אוּן אַזוֹי וִוי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גַדְלוּת דְגַדְלוּת, מוּז עֶר קוֹדֶם אַרַיינְפַאלְן אִין קַטְנוּת דְקַטְנוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶערְפַאר הָאט זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע קַטְנוּת.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק אַז עֶר זָאל זֵיי מִיטְגֶעבְּן פוּן דִי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַהֵיימְשִׁיקְן מִיט זֵיי אַ בְּרִיוו צוּ זַיין שְׁטוּב, זֵיי הָאבְּן עֶס אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען פוּן אִים, נָאר פוּן ר' יִצְחָק הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער מִיט חָכְמָה אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין בְּרִיוו אִינֶעם בְּרִיוו פוּן ר' יִצְחָק, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזֶעגְנְט אוּן זֶענֶען אַהֵיימְגֶעפָארְן.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז זֵיי וֶועלְן עֶפֶענֶען דֶעם בְּרִיוו, אֶפְשָׁר וֶועלְן עֶפֶּעס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַ רֶמֶז וֶוער סְ'אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָארְט מִיט ר' יִצְחָק [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי], וֶוער עֶר אִיז, פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, אוּן וָואס עֶר טוּט, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ וִויסְן, דֶער בְּרִיוו אִיז זֵיי אָבֶער עֶרְגֶעץ פַארְשְׁוְוּינְדְן גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן פַארְגֶעסְן וואוּ זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעלֵייגְט, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן.

בִּיז וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גְרֶענִיץ אִין וָואלִיכֵיי, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם בְּרִיוו, אוּן פוּנֶעם בְּרִיוו הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן.

אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, דֶער וָואס הָאט דָאס מֶערְסְטֶע פַארְשֶׁעמְט אוּן מְצַעֵר גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אַהֵיים.

וֶוען ר' יִצְחָק הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ בַּיים אַהֵיימְקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (מִשְׁלֵי י"ז, כ"ו) **גַם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב?**", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַ צַדִּיק צוּ מַעֲנִישׁ זַיין אַ מֶענְטְשׁ (עַיֵין סַנְהֶדְרִין קה:).

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ מָשָׁל. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קֶענִיג וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער פוּן דִי מִינִיסְטָארְן, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. שְׁפֶּעטֶער - וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן - הָאט עֶר אַמָאל זִיךְ מֵעִיז גֶעוֶוען פַארְ'ן קֶענִיג. הָאט דֶער קֶענִיג אִים גֶעזָאגְט, "דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען אִיךְ נִישְׁט בְּרֶעכְן דָאס גֶעזֶעץ, אוּן לוֹיטְ'ן גֶעזֶעץ קוּמְט זִיךְ דִיר טוֹיט שְׁטְרָאף", אוּן דֶער קֶענִיג הָאט גְלַייךְ גֶעהֵייסְן אִים בִּינְדֶען מִיט אַייזֶערְנֶע קֵייטְן אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין טוּרְמֶע.

בס"ד

אלו יעמדו ...

המז...

אשרי שלומנו היקרים שנודבם לבם ...

חדר
הדפסה גדול

## מרדכי לייב טירנויער

### אבני היסוד

לייבי ראטה ♦ משולם פינטער ♦
אברהם יושע וועבערמאן ♦
שמעון זיגלער ♦ יעקב היילפרין
♦ העניך אינדיג

### אבני זהב

יצחק משה רייך ♦ מנחם זאב שטערן ♦ לוי
יצחק זאפיר ♦ יעקב שאול פיש ♦ משה
פריעד ♦ יעקב דוב כהן ♦ יחזקאל טויסיג♦
משה גאטליעב ♦ אברהם יצחק אייזנער ♦
יחזקאל שרגא קרויס

רופט אריין מיט אייער נדבה: whatsapp: 518.966.2370 ...adfusa.org

## אבני כסף

ראובן בירנבוים • נחום
ברילל • יואל פעדער • יוסף
פעלדמאן • זושא פריעדמאן • נחמן
שמואל יאקאבאוויטש • יחזקאל שרגא
קרויס • אפרים נובוגרודסקי • שמואל אליעזר פערל
• אייזיק ראטה • יצחק יונה זאבעל • משה שטיינוואָרצל •
יודא אריה טורנהיים • ישראל אשר ווייס • יודא ווערצבערגער •
אברהם חיים וויזעל • מרדכי יעקב צימערמאן • שמוליק בלעדי •
יוסף ברילל • יעקב הילל פארקאש • שאול יצחק גאנץ • ישראל
שלום קויפמאן • אברהם חיים קלאגסברוין • אייזיק קאהן • חיים
דוד ראזענבערג • יצחק יונה זאבעל • יואל שניטצלער • מרדכי
זיידענפעלד • שמשון הערש טייטלבוים • מענדל טירנויער •
יואל וועבערמאן • ישראל שלום זעלקאוויטש •

## אבני נחושת

אברהם ברוין • יקותיאל יודא איינהארן • יודי אייזנער • אפרים
פעלדמאן • יקותיאל פעלדמאן • שכנא גפן • בנציון ב"רנ יאקאבאוויטש
• ברוך יאקאבאוויטש • יעקב יאקאבאוויטש • עלי מזרחי • הערשי
ניימאן • אלי פערל • חיים יוסף ראזענבערג • סענדי ראטה • ישראל
מאיר ראטטענבערג • יואל ראטטענבערג • שלום שענקער • משה
שטעסאל • זאב סרולאוויטש • אברהם שטערן • אליעזר שטרויס •
שמעיה וואקס • אהרן יצחק אפעלדארפער • משה נחום בערגער •
שמחה בלאך • שמעון קארדאזא • דוד דייטש • הערשל פריעדמאן •
שמעון גאנצפריעד • שלמה לעבאוויטש • חיים מיללער • שלום יוסף
ניישטיין • ישעי ריינער • מאטי ראזענפעלד • אלחנן רוטה • שלמה
רוטה • ארי זיידענפעלד • משה שפיטצער • יוסף ווייס

על הברכה

ליטול חלק בבנין בית הדפוס החדש

phone: **718.387.2691 #103** email: **newbuilding@kerenha**



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

חלק ב'

## ~ שבת פרשת וישלח תשפ"ב ~

אינמיטן די סעודה האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "יוסף (דער ראש ישיבה'ס קליינער זון) איז ממש 'יוסף מוקיר שבת', ער איז אזוי פרייליך שבת, איך מיין אז די מעשה פון יוסף מוקיר שבת איז געווען מיט אונזער יוסף."

דער ראש ישיבה האט געזינגען גאר שיינע ניגונים און דער אינגערמאן וואס האט געגסן דארט האט געפרעגט פון וואו די ניגונים קומט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פון מיין טאטע; מיין טאטע האט אסאך שיינע ניגונים." ביי די ניגון 'קה אכסוף' וואו מען זינגט די ווערטער 'ריבונו של עולם האב שוין רחמנות אויף דיינע קינדערלעך' האט דער ראש ישיבה געזינגען "או ריבונו של עולם 'דו האסט דאך' רחמנות אויף דיינע קינדערלעך."

שפעטער ווען די בחורים האבן אנגעהויבן ארויפקומען צו די באטע האט דער ראש ישיבה יעדן געפרעגט וואס מען האט גערעדט ביי די סעודה דארט וואו זיי האבן געגעסן, איינע פון די בחורים האבן געזאגט אז ביי זייער סעודה האט מען גערעדט וועגן די נייעס פון דער חב"ד שליח וואס מען האט מפנה געווען פון מאראקא קיין ארץ ישראל, און ווען מען האט אים אויפגעגראבן איז זיין גוף געווען פריש - נאך כמעט צווי יאר שוין זיין באגראבן. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז טאקע גאר שטארקע נייעס, וואס לוינט צו ווערן באשריבן אינעם בלעטל, און ארויסנעמען פון דעם א מוסר השכל, וואס עס מיינט א איד וואס טוט פאר אנדערע - א שליח, זיין גוף בלייבט גאנץ אפילו ער ליגט שוין אין דער ערד אזא לאנגע צייט, ביי אונז הייסט עס א 'מפיץ' אין חב"ד ווערט דאס אנגערופן א 'שליח'. האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: אינטערסאנט איז געווען, אז זיין גוף איז געווען אזוי פריש אז זיין ווייב האט זיך נאכאמאל געזעגנט פון אים - אזוי ווי מען געזעגנט זיך פון א נפטר ביי א לויה.

שפעטער איז מען אריין אין א שמועס וועגן געפעלן פאר אנדערע, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: איינער איז אמאל געקומען צו א שבע ברכות און די קינדער זענען נישט געווען אנגעטון די זעלבע (מעטשינ"ג) האט אים איינער געזאגט אז מ'דארף אויפווייזן אויב זיי זענען טאקע געשוויסטער מ'דארף איבערקוקן זייערע אידענטיפיקאציע. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן "וואס זאגסטו צו מיינע קינדער? זיי גייען נישט אנגעטון די זעלבע".

דערנאך דער ראש ישיבה נאכגעזאגט א תורה פון הייליגן רבי אלימלך זי"ע, ס'שטייט אין די הייליגע תורה אז יעקב האט געשיקט זאגן פאר עשיו 'עם לבן גרתי' און רש"י לייגט צו 'ותרי"ג מצות שמרתי', זאגט דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע: אזוי זענען צדיקים ווען זיי רעדן צו מענטשן רעדן זיי באמת צום אייבערשטן און עס קוקט אויס ווי ער רעדט צו די מענטש וואס שטייט פאר אים, יעקב האט געזאגט פאר'ן אייבערשטן "איך בין געווען ערליך ביי לבן און איך האב געהיטן דיין תורה, יעצט העלף מיך פון עשיו'ס הענט ער זאל מיך נישט הרג'ענען.

האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז מוהרא"ש ווען ער איז געווען יונג האט ער זיך אזוי צוגעוואוינט אלס רעדן צום אייבערשטן, איינמאל איז מוהרא"ש געווען אין גראסערי און אזוי גערעדט צום אייבערשטן ווי זיין סדר איז שטענדיג געווען, אבער מוהרא"ש זייענדיג פארטיפט אין רעדן צום אייבערשטן האט זיך נישט געכאפט אז ער איז אין א געשעפט האט ער זיך אנגערופן הויעך "אייבערשטער איך דארף א מילך" דער מענטש אינעם געשעפט וואס האט נאך אין זיין

לעבן נישט געזען איינעם רעדן צום אייבערשטן, האט אנגעקוקט מוהרא"ש מיט ריזיגע אויגן, אז מוהרא"ש איז ארויסגעלאפן פון דארט.

איינע פון די קינדער האבן געזאגט אז ער האט אויך א תורה צו זאגן, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט ער זאל זיך אויפשטעלן אויפ'ן בענקל און זאגן די תורה, האט זיך די קינד אויפגעשטעלט און אנגעהויבן זאגן: ווען טאטי קומט אהיים פון שול זינגט ער זמירות, און נאכדעם שמעקט ער הדסים, און ער מאכט קידוש, און אזוי ווייטער... דער ראש ישיבה האט אויסגעהערט און אים געזאגט אז דאס איז א הערליכע תורה.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די חשיבות פונעם כולל היכל הקודש, און זיך אנגערופן: אז דא איז א כולל וואס מען צאלט גאר שיין פאר אלע כולל אינגעלייט - שענער ווי אנדערע כוללים, ביי אנדערע כוללים צאלט מען פאר א אינגערמאן סאך א קלענערע געהאלט; און אפילו חודש תשרי וואס מען לערנט כמעט נישט אין כולל, צאל איך אויך פאר די אינגעלייט.

אינמיטן די סעודה האבן איינע פון די קינדער געהאלטן אין די הענט א שטיקל פון א אויסגאבע וואס קומט אן אימזיסט מיט די ארדער וואס מען מאכט אין גראסערי, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ער זאל עס לייגן אין מיסט, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: די אימזיסטע אויסגאבעס קומט עפעס אן אינדערהיים אפילו מען וויל נישט, זיי ווארפן דאס אריין אינעם גראסערי באקס.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: דריי זאכן וואס שטייט יעדע וואך אין די אויסגאבעס, 1) אויב מען רעדט לשון הרע ווערן די תפילות נישט נתקבל. 2) די הארבקייט פון נעמען די וואקסין 3) די איסור פון גיין מיט א שייטל, און זיי שרייבן דארט אז מען זאל ענדערשט גיין א טיכל - מיט אייגענע האר, ווי גיין אפגעשוירן - מיט א שייטל. און דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס וועגן דעם וואס זיי שרייבן די שעדליכקייט פון די וואקסין, אז באמת איז דאס נישט קיין שום פראבלעם צו נעמען, ביז יעצט פלעג איך נישט זאגן פאר קיינעם אויב מען זאל יא אדער נישט נעמען, אבער יעצט זאג איך שוין פאר יעדן אז מען קען עס רואיג נעמען, נישט קיין חילוק מענער אדער פרויען.

מען איז אריין אין א שמועס וועגן רופן עלטערן ביי שמחות בשעת די עלטערן זענען שוין צוטיילט רחמנא לצלן. א חתן האט מיר אנגעפרעגט וואס ער זאל טוהן; זיינע עלטערן זענען גע'גט, און די טאטע זאגט: איך צאל דיר די חתונה נאר אויב די מאמע קומט נישט צו די חתונה. האט דער ראש ישיבה געזאגט: דו פון דיין זייט דארפסט יעדן רופן. דאס צו זיי וועלן קומען צו די שמחה האט שוין גארנישט מיט דיר.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער עס האט צו פארציילן א מעשה פון תפלה, און יעדער האט פארציילט וואס ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער עס האט צו פארציילן א מעשה פון הפצה, און אפאר בחורים האבן פארציילט שיינע מעשיות פון הפצה. האט דער ראש ישיבה פארציילט: צוויי בחורים האבן ארויסגעשטעלט א טישל מיט קונטרסים, גליונות און סידיס צו פארקויפן אין צענטער פון וויליאמסבורג, און איינער קומט צו און רופט זיך אן: מענטשן קויפן דאס? האט מען אים געזאגט אז יא, דער עולם נעמט זייער שיין. אבער עטץ האטס נישט מורא אז דאס וועט ענק שאדן פאר א שידוך? האבן זיי געענטפערט: מיר זענען ברוך השםביידע חתנים. און זיי שטרעקן אויס די הענט צו דעם איד מיט א גליון און זאגן אים: יעצט קענט איר שוין אויך נעמען - ווייל יעדער נעמט דאס.

### שבת צופרי:

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געוואלט פיטערן דעם קליינעם מענדל פיינע שבת'דיגע טשאלענט, אבער ער האט נישט געהאלטן ביים עסן, ער האט געבלאזן. האט דער ראש ישיבה'ס ווייב געפרעגט וואס גייט פאר מיט אים? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב אים געזאגט א ווארט און ער בלאזט," דער ראש ישיבה האט דאך געוואלט ער זאל עסן האט דער ראש ישיבה אויסגערופן הויך "מ'גייט שוין אריינברענגען די אייסעס, ווער גייט עס ברענגען? אה, מענדל גייט עס ברענגען," מענדל איז געווארן פרייליך אז ער האט שוין פארגעסן אז ער בלאזט יעצט און אזוי האט ער שוין געגעסן פונעם פיינעם טשאלענט.

# בילדער
## אפטיילונג




בר מצוה אין ישיבה פון הבחור יוסף סאלז נ"י - יום ד' מקץ


אפשערן פון הילד נחמן נתן נ"י בן המלמד הר"ר הערשל שניטצלער הי"ו - דינסטאג מקץ - חנוכה


דער ראש ישיבה שליט"א לערנט דעם דף גמרא מיט כיתה ט' קרית ברסלב - דאנערשטאג מקץ - חנוכה


שבע ברכות פון החתן נח הערש ווייס הי"ו אין קרית ברסלב דאנערשטאג מקץ - חנוכה



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל אהערגעשטעלט א הערליכע ברסלב מנורה פון קליקס


לחיים פון תלמוד הישיבה אברמי צוויבל נ"י בן הר"ר חיים אלי' הי"ו - עב"ג הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו - ה' מקץ - חנוכה

# בילדער
## אפטיילונג





הערליכע סעודת מלוה מלכה צוזאמען מיט סעודת ראש חודש - מוצאי שבת מקץ -חנוכה תשפ״ב אין בנין המוסד דקרית ברסלב
רעכטס: הר״ר רפאל פורסט הי״ו ביים איבערגעבן נאטיצן פונעם מוסד. לינקס: הר״ר אהרן וועבערמאן הי״ו ביי זיין דרשה.



דער ראש ישיבה שליט״א ביים פייערדיגן דרשה - מוצאי שבת מקץ חנוכה תשפ״ב



דער ראש ישיבה שליט״א ביים זינגן זמירות חנוכה מיט די בחורים ביי די חנוכה לעכט אין שטעטל - דאנערשטאג מקץ





דער ראש ישיבה שליט״א באזוכט אין תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי דאנערשטאג מקץ - חנוכה תשפ״ב
רעכטס: ביים שמועסן מיט די לעבטיגע קינדער. לינקס: ביים פארציילן פאר די קינדער וועגן דעם יום טוב חנוכה.

# בילדער
ארכיוון

## הילולת רבי נתן
## זכותו יגן עלינו




מוהרא"ש זי"ע ביים ארויסקומען פון ציון ביי רבי נתן זי"ע



מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון רבי נתן זי"ע - תשנ"ג




דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון רבי נתן זי"ע - תשע"א



הילולת רבי נתן זי"ע אין ישיבה אין יאר תשע"א



הילולת רבי נתן זי"ע אין בארא פארק אין יאר תשע"ד



הילולת רבי נתן זי"ע אין בארא פארק אין יאר תשע"ג



# קינדער אָפְּטֵיילוּנג

## אוֹיסְגֶעריסְן דֶעם טָמֵא'נֶעם צֵלֶם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע, דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁפַּאצִירְן אִין פֶּעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער. עֶר הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן מִיט זַיין הַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן: "זֶעסְט דִי אַלֶע בֶּערְג? זֶעסְט דִי אַלֶע פֶּעלְדֶער? אִיבֶּעראָל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען הִתְבּוֹדְדוּת".



דֶער טָמֵא'נֶער צֵלֶם צֶעשְׁפְּלִיטֶערְט אוֹיף דֶער עֶרְד

דָארְט צְוִוישְׁן דִי פֶּעלְדֶער וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צֵלֶם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ מוֹפֵת, דֶער צֵלֶם זָאל אוֹיסְגֶעריסְן וֶוערְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ אַ נֵס; וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע גֶעבֶּעטְן, רַייס אוֹיס דֶעם טָמֵא'נֶעם צֵלֶם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר; אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט זֶען, אִיךְ ווִיל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר".

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, דֶער צֵלֶם אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן בִּיז צוּם עֶרְד! דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

קִינְדֶער, לָאמִיר נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי ווִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע נָאנְטֶע פְרַיינְט; אַזוֹי דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר ווִילְן, וָואס עֶס טוּט אוּנְז וֵויי אוּן בְּעִיקָר בֶּעטְן מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מִיר זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיר זָאלְן פָאלְגְן נָאר דֶעם יֵצֶר טוֹב; בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

# טרעף

די פאלגנדע ווערטער 3 מאל

## א מחיה צו זיין א ברסלבע
## אינגל שכח אייבערשטער

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ע | כ | ו | ל | א | א | נ | ב | ש | ב | ח | א | ח | ז | צ | ש | ד | ד | ו | ב | א | נ |
| מ | ע | ו | צ | מ | ח | י | ה | ז | ב | פ | י | ג | י | מ | מ | כ | א | ט | פ | ז | ה | ו |
| ר | א | צ | פ | כ | י | נ | י | ר | כ | י | א | י | ס | ל | צ | ח | א | ב | ו | י | ע | מ |
| כ | ר | ע | ד | ז | כ | ג | ס | ב | ב | ק | נ | א | נ | ס | ל | מ | ר | ל | ח | ש | ל | ק |
| כ | ג | ח | ב | ר | ס | ל | ב | ע | ע | ג | ה | פ | ז | ק | ש | ס | נ | מ | ת | ג | צ | ו |
| ש | ל | ת | ב | נ | ב | ש | ר | ת | ל | ר | ז | י | י | נ | ל | כ | ר | ש | נ | ג | י | ט |
| ק | ד | כ | ת | ע | א | ש | ד | ב | ה | ג | ש | מ | ו | ב | ז | ס | א | י | ט | ל | י | ג |
| ס | צ | ג | ל | א | ט | א | צ | ג | ט | ג | נ | ט | ע | ה | צ | ר | א | נ | ד | ח | ד | ע |
| ה | ה | ח | ר | ע | ח | ז | פ | ב | פ | ל | ח | י | ע | נ | כ | מ | ד | י | ר | ו | ג | פ |
| ש | כ | ח | ר | ק | כ | ז | ע | ק | י | ת | ס | ו | א | ר | ז | נ | ק | ו | ד | ע | ש | פ |
| ש | ד | ע | ע | ר | ר | כ | ג | נ | ח | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר | נ | י | ו |



העלף נחמן נתן
אנקומען אין חדר!






# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**ג. שָׁרֵי לְהוּ לְצַדִּיקַיָּא לִסְגוּאֵי בְּרַמָּאוּתָא עִם רַמָּאֵי.**

**טייטש.** אַ צַדִּיק מֶעג זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט פָּאפֶּעֲרַיי מִיט אַ פָּאפֶּער.

**פירוש.** [כָּאטְשׁ וָואס אַ צַדִּיק דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ זֵייעֶר פוּן לִיגְנְט אוּן פָּאפֶּעֲרַיי; וֶוען עֶר הַאנְדְלְט אָבֶער מִיט אַ פָּאפֶּער, מֶעג עֶר אוֹיסְפָּאפְּן דֶעם פָּאפֶּער.]

# סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 8 | 4 | | 9 | 6 | | 5 |
| | | 1 | 7 | 6 | 3 | 2 | 9 | |
| 3 | | | | 8 | | 4 | | |
| | | 5 | 1 | 2 | | 8 | | |
| | 8 | 6 | 3 | | 4 | | | |
| 2 | 7 | 3 | 6 | | | 1 | | 9 |
| | | 4 | 9 | | 6 | 5 | 2 | 7 |
| | 3 | 2 | | 7 | | | | |
| 9 | 5 | | | | | | 1 | |



# חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: אייער ארבעט זאל זיין צו**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. צו טוהן חסד מיט אנדערע
ב. צושפרייטן דעם רבינ'ס ספרים
ג. צו לערנען יעדן טאג
ד. צו זיין פריילִיך

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** **דער הייליגער רבי זאגט: די טעג פון חנוכה איז א צייט פון**

**ענטפער:** לויבן דעם אייבערשטן

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**מלכה פורסט תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

See store for weekly promotions!!

Prices:
Ladies Tops $3
Ladies Dresses, Robes $5
Baby, Kids Clothing, Shoes $1
Accessories: Check in store

(Put the money in the pushka)

New Arrivals Every Tuesday!!

# BUY & SAVE

65 E Mangoup Rd. Hurleyville NY 12734

Girls shopping with adults only.

Walk-ins welcome anytime!!

(Self checkout)

Short in money?
Don't have change?
Take advantage of our credit book on the wall and keep track of your balance!!

Look out for the free corner!!

Drop off closed bags only, on the couch.

$15 credit and a zchus for helping the rebbi by unpacking and hanging clothing, call one of the volunteers.

Mrs. L. Weberman 845-662-4083
Mrs. M. Weberman 845-662-4627

# חנוכה ספעשל!

# בשורה טובה!

איז שוין יעצט
דא צו
באקומען
אפגעשיקט

**יעדע
וואך
צו אייער
טיר
אויף די
פאסט**

די שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע קונטרסים

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע
אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
**הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**




**חנוכה ספעשל:**
צאלט פאר איין יאר
**באקומט 4 וואכן
אומזיסט**

פאר די ביליגע
פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך

goodpointmediainc@gmail.com

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

# 718.387.2691

קרן
הדפסה
היכל
הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: subscription@kerenhadfusa.org

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן
געווארן פון די געשמאקע בריוו,
פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן
פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

בס"ד

# ברוכים הבאים בשם ה'

מיט גרויס התרגשות דקדושה טוען
מיר אויפנעמען דעם חשוב'ן דיין
דקהילתנו הקדושה, וואס האט זיך
אהערגעצויגן בשעה טובה ומצלחת
אין קרית ברסלב ליבערטי צו די פרייד
פון אלע תושבי העיר

הרב הגאון רבי

# יונה זינגער

שליט"א

דומ"ץ דקהילתנו הקדושה

דער אייבערשטער זאל העלפן דער דיין
שליט"א זאל מצליח זיין מיט דעם אמט אלץ
דיין אין אונזער שטאט, און קענען באדינען
דעם חשוב'ן ציבור לאורך ימים ושנים טובים,
מיט נחת דקדושה פון די אייגענע משפחה, עד
ביאת משיח צדקנו.

דער רבי זאגט אין
ספר המדות
**"על ידי העמדת
דיינים כשרים
נתבטל הצרות",**